**משה גראָס־צימערמאַן**

# ווער איז שולדיק: די ליטעראַטור, צי די קריטיק?

(וועגן י. שטערנס "קרוינען צום קאָפּ פֿון דער ייִדישער קריטיק")

ליטעראַרישע בלעטער (וואַרשע, 1939–1924)

4, נומ' 28, יולי 15, 1927, זז' 529–531;
נומ' 29, יולי 22, 1927, זז' 552–553;
נומ' 30, יולי 29, 1927, זז' 573–574

# ווער איז שולדיק: די ליטעראטור, צי די קריטיק?

## (וועגן י. שטערנס „קרוינען צום קאפ פון דער יידישער קריטיק")

משה גראס/חיי

1.

אין דעם גרויסן סארטימענט פון „סיבות", מיט וועלכע מיר דערקלערן זיך אמאל אויף א נייעם אופן די גייסטיקע דערשלאגנקייט פון דער היינטיקער יידישער ליטעראטור, געפינט זיך אויך די קריטיק, יענע מאדנע ליטערארישע אינסטיטוציע, וועגן וועלכער די דיכטער האבן זיך ביי אונז נאך אלץ נישט קלאר געמאכט אינגאנצן, צי „מען דארף" זי, צי „מען דארף זי נישט", פון וועלכער זיי פארלאנגען אבער אויף יעדן פאל, זי זאל דערווייל — ביז מען וועט ארויסגעבן איר פסק — זיך שוין מאכן נוצלעך אין דער ליטעראטור, ווי א מין גענעראל-תירוץ פאר אלע יענע „עפאכאלע" פאלשקייטן, פעלערן, פלאכקייטן, וואס זענען פראדוצירט געווארן אין איבערפלוס אין די דיכטונגען פון דער יונגסטער עפאכע, און פאר וועלכע מען זוכט איצט, ביי זייער ליקווידאציע, א פאסיקן „רעפרעזענטאנט", וואס זאל קאנען שולדיק זיין פאר אלעמען.

ווארום עפעס אנדערש איז, נאטירלעך, ווען איינער א דיכטער, וואס שאפט נאר מיט זיין אייגענעם מוח, אויף זיין אייגענער גייסטיקער אחריות, שרייבט אמאל אן א שוואכע, נישט-געראטענע זאך — דאס איז זיין זאך! — און ווידער עפעס אנדערש איז שוין, ווען א גאנצער דור ליטעראטן גיט ארויס פון זיך. אזא מין קאמונאלע דור-דיכטונג, וואס איז געגרונטעוועט נישט אזוי אויף דער דיכטערישער סובסטאנץ פון יחיד ווי אויף דער גייסטיקער מיטפארשטייעניש פונעם גאנצן קאלעקטיוו — דא מוז מען שוין אויסקלויבן, אזוי צו זאגן, א צענטראלן קרבן פאר דעם גאנצן אומגליק, כדי צו פארריינפאכן די פראצעדור, כדי נישט צו מוזן מטריח זיין יעדן אינדיווידואל-דעפעקט באזונדער — און דאס איז ביי היינטיקן טאג: די קריטיק. די קריטיק — טענהן די מאדערנע, פון זייער אייגענעם שאפן נישט באפרידיקטע דיכטער — איז נישט באפליגלט פון דעם „נייעם גייסט", איבערראשט נישט מיט די באשטעלטע „נייע בשורות", אויף וועלכע מען ווארט, זי „לויפט נישט פאראויס", פירט נישט, ארגאניזירט נישט און איז בכלל שטארק פראבלעמאטיש; אין איר גאנצן באטייט, אין איר „אינפארמעקלערישער" פונקציע צווישן דעם דיכטער און דעם לעזער, ווו זי פלאנטערט זיך ארום ווי אן איבעריקע אנטשעפעניש.

אמת: עס זענען פאראן אויך אנדערע דיכטער, ווי, למשל, ישראל שטערן (אין די „ווארשעווער שריפטן"), איינער פון די געציילטע גייסטיקע מענטשן צווישן אונזערע יונגע דיכטער, וואס איז גאר „ווייט דערפון צו האלטן בכלל דעם קריטיקער פאר א שעדלעך און איבעריק באשעפעניש אויף דער וועלט, ווי למשל שדים" — ניין! אזוי ווייט נישט, און אפשר נאך — „אדרבה" — אבער פונדעסטוועגן: אינגאנצן קלאר איז אויך פאר אים נישט די דערשיינונג פון דעם קריטיקער. און אויב שוין נישט צו די שדים אליין, איז ער לכל-הפחות כמעט געגליכן צו איינעם פון די מילדערע משלדיקע באשעפענישן פון שטערנס קריטישער פאנטאזיע, א שטייגער צו דעם „ייד, דעם קרעמער, וואס שטייט פארנאכט אין מארק און טראכט און עפעס ווערט אים פלוצים אזוי מאדנע נישט-פארשטענדלעך-ביטערלעך אינטערן הארץ-ברעטל", אדער אפשר — פון דער אייגענער ספערע טאקע, נאר אביסל נשמהדיקער — צו דער „יידענע, וואס קוקט און הערט, ווי דער שוחט מאכט א ברכה איבער דער הון און מיט איינמאל, אליין נישט וויסנדיק פארוואס, נעמט זי עפעס פלוצים קרעכצן און קרעכצן" א. א. וו. אדער צו די אנדערע פארשוינען, וואס מוזן נעבעך בעל כרחם און, אליין נישט וויסנדיק פארוואס, זיך לאזן שטעלן אין איין ריי מיטן קריטיקער, זיך לאזן מיסברויכן אן א פארוואס אויף יענע לעבעדיקע משלים, וועלכע שטערן שלעפעט בארנישט אין זיין ארטיקל „קרוינען צום קאפ פון דער יידישער קריטיק", און וועלכע איך בין שטארק נוטה צו האלטן פאר אבסאלוט-שעדלעכע און איבעריקע באשעפענישן, ליטעראטור-שדים אזעלכע, וואס דערקוטשען אומזיסט דעם בידנע נמשל און לאזן אים בשום-אופן נישט קלאר ווערן.

מען האט היינט טענות צו דער יידישער קריטיק — גערעכטע און אומגערעכטע — אבער זיי זענען אלע פארמולירט מיט אזא רוטינירטער „פאכמענישער" אומגערעכטיקייט, וועלכע מען האט ביז איצט געהאלטן אין אלגעמיינעם פאר א פריווילעגיע נאר פון דער באקעמפטער קריטיק אליין. ווארום די אידעענלאזיקייט,

דורך זי אונז אין איר פונקציאָנעלער באַוועגונג, נאָך איידער זי איז פאַרגליווערט געוואָרן אין דער סטאַטיק פונם ווערק, פירט אונז צוריק פון דעם געשאַפענעם צום שאַפן און צום באַשעפער — און ערשט אויף דעם דאָזיקן וועג ווערט אונז קלאָר דער גייסטיקער פּראָצעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בײַם דיכטער און פאַרענדיקט אינעם ווערק, צוגלײַך. ווערט אונז אָבער אויך אין דעם דאָזיקן אײַנציקן טיפּישן משל אויפגעהעלט. אויף א רגע די טיפע מיסטעריע פון דער גאַנצער אייביקער וועלט־שאַפונג.

און דאָס איז דאָך די אָנטשיידנדיקע קריטעריע: אין דער באַשאַפונג פונם קונסט־ווערק איבערלעבן נאָך אַמאָל און אַזוי צו זאָגן, בקיצור, אויף אַן ענגען שטח און אין מילדער פאָרם, אָן דעם שרעק פון מעשי־בראשית, די באַגייסטע באַשאַפונג פון דער וועלט. די וועלט שטייט פאַרטיק און אָרום און פאַרענדיקט — און די אומדאַנקבאַרע מיסיע פונם קריטיקער איז צו געדענקען שטענדיק איר ערשטן טאָג, צו וויסן שטענדיק, אַז זי האָט ערשט געמוזט דורכגיין אַלע שבעה מדורי יצירה, איידער זי איז געקומען אויף דעם מעמד, צו דערמאָנען דעם גייסטיקן פּרינציפּ, וואָס האָט שוין געווען אין איר ווערן, און וואָס איז אַליין בכח צו דערוועקן באַוווּנדערונג און ערפאָרכט.

די אויפגאַבע פונם קריטיקער איז אַלזאָ, נישט צו זאָגן סבינות, צו פאַרפאַסן בוכהאַלטערישע רשימות פון מעלות און חסרונות, פון שטריכן און שפּורן, אויסצושפּיאָנירן „השפּעות“, אָדער גאָר זיך אָנטשעפּען אין דעם דיכטער, ווי א געטרייער „מיטשאַפער“, א נודניק, און אים מיסברויכן ווי אַן אָביעקט פאַר אייגענע חידושים און תריפות. דאָס איז אין אַלגעמיינעם אַן אַרבעט פאַר פּראָפעסיאָנעלע אָפּשאַצערס, פאַר יענע אום־היימלעך־פלינקע ליטעראַטור־לומדים, וואָס ווייסן שוין פאַרויס, וואָס פאַר א מיינונג זיי וועלן באַלד באַקומען, וואָס דאַרפן נאָר א ווײַלע אײַנקוקן דעם טראַגינירטן שטערן און זײַנע אָנגעגרייטע קנייטשן, וואָס טראַכטן זיך נאָר א רגע אַרײַן און זאָגן באַלד אַרויס, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך א „מאָדנע דער־שײַנונג“ — אַזוי ווי תמיד — מיט ליכט און מיט שאָטן, מיט שאָטן, וואָס איז אין „תוך גענומען“ נאָר ליכט, און מיט ליכט א.ז.וו.“ — א דריידל אַזעלכעס, וואָס האָט שוין דערגרייכט בײַ אונז א היפּשן גראַד פון טעכנישער שלמות, וואָס האָבן אָבער אין זיך נאָך רייכע אוצרות מיט וואַריאַציע־מעגלעכקייטן פאַר גאַנצע דורות, פּונקט אַזוי ווי עס זענען אויף דער אַנדערער זייט ווי־דער נאָך פאַראַן גוטע אויסוויכן אויך פאַר די מחמירים, וואָס גייען אויף אַן אַנדערן דרך צו דעמזעלבן ציל. אַרבעטן מער מיט כובד־ראש, פּראָווען מכח אַרגינס פון נישט פאַרשטיין, קוועטשן זיך נעבעך אָפּ א שטיק לעבן אויף א האַרבער סוגיא פּרץ, פאַרגייען זיך דערבײַ אין די אומעטיקסטע האַרצרײַסנ־דיקע מאַי־קאַ־משמע־לנס, כדי סוף כל סוף צו קאַפּיטולירן אָן־האָפענונג פאַר דעם ברויזאַם־טיפּוניקן, ליטעראַרישן פּלאָנטער פונם „משוגענעם בטלן“, וועלכער איז דאָך גאַנץ אַלעמען פאָרס אַליין מער באַרופן, נישט צו וויסן וווּ ער איז און אָפּצו־דולן א וועלט מיט דער דאָזיקער הקירה. מיט דער דאָזיקער שאַרפזיניקער אַקראָבאַטיק.

דאָס אַלץ האָט, מײַן איך, נישט צו טון גאָר נישט מיט קיין קריטיק.

(סוף קומט)

און אַז קום איך ווידער צוריק צו די עיקר־טענות פון י ש ר א ל ש ט ע ר ן. וועלכע מיר הערן די לעצטע צייט אגב אויך פון אַנדערע. ווייסן. און זיין אויספירלעכן פיטניש־פאָלעמישן אַרטיקל האָט שטערן זיך גענומען צוזינגען „קרינגען צום קאָפּ פון דער יידישער קריטיק" (זע „וואַרשעווער שריפטן" 1927) — אַ מיסטישע אַרבעט. וואָס פאַר אים האָט זי שוין געטין אַמאָל כביכול אַליין מיט די אותיות פון דער תורה, און וואָס איז שוין, און יענער צייט איך נישט געזען קיין איבעריק רעגסאַבלע זאַך. די דאָזיקע טייטע מיטול־מיצה איז דער גרינט־אַקאָרד פון שטערנס אַרטיקל. פון וועלכן מען מוז די העלפט אַריינוואַרפן צוריק אין דער פּאָעזיע אַריין — אָדער נאָך מער — און נאָר די אַנדערע העלפט נעמען צום חשבון פון דעם פּאָלטישן חשבון. וואָס שטערן מאַכט מיט דער יידישער קריטיק.

נעמט מען אַרויס דעם תמצית, דעם רעאַלן קערן פון דעם גרויסן האַרעכן התפכות הנפש. אין וועלכן ש ט ע ר ן האָט אים איינגעוויקלט. באַקומען מיר אין דעם דאָזיקן אַרטיקל ערשטנס אַ קריטיק פון דער יידישער קריטיק, ווי זי א י ז, און צווייטנס אַ מין רעצעפּט, ווי אַזוי זי דאַרף, לויט שטערנס מיינונג, באַדאַרפט צו זיין. אין ביידע פונקטן קאָן איך נישט מסכים זיין מיטן מחבר. וואָרום איך חייס באַכט נישט. ווי האָט דאָס ש ט ע ר ן באַמערקט אַזאַ מוראַדיקע הינטערשטעליקייט ביי דער יידישער קריטיק לגבי דער יידישער דיכטונג. אדרבה: מיר דאַכט זיך. אַז דער גייסטיקער ווערט פון די קריטיקן פון בעל־מחשבות. ניגער און פון די יונגערע שטייט דורכאויס אין אַ ריכטיקער רעלאַציע צו די דיכטערישע שאַפונגען פון אונזער ליטעראַטור. מיט וועלכע זיי האָבן זיך פאַרנומען. מען קאָן נישט לייקענען — און שטערן וויל דאָס מן־הסתם אויך נישט טון — אַז די קריטיק האָט זיך מיט ערפאָלג באַמיט צו געפינען דעם אמתן באַטייט פון אַלע פּאָזיטיווע דיכטערישע ווערטן אין אונזער ליטעראַטור. פון איר אַזויגערופענעם קלאַסישן פעריאָד ביז אויפן היינטיקן טאָג. איך וויל נאַטירלעך נישט זאָגן. אַז די קריטיק האָט אויסגעשעפּט אינגאַנצן די גייסטיקע. סאָציאַלע און קינסטלערישע פּראָבלעמאַטיק פון אונזער ליטעראַטור. אַז זי האָט באַלויכטן אויף דעם קלאָרסטן אופן און מיט לעצטער ענדגילטיקייט די איינגאַרטיקע עקזיסטענץ פון דער יידישער ליטעראַטור. דעם קוואַל פון איר שאַפונג, איר נאַציאָנאַלן סטיל און כאַראַקטער — אָבער עס איז קיין ספק נישט. אַז דאָס אַלץ איז שוין אויף אַ גאַנץ דייטלעכן אופן ברומז אין די פאַרשיידענע פרווון פון דער קריטיק. וועלכע פאַרשטאַרקן זיך אין איינציקע פאַלן. ד. ה. אין יענע פאַלן. ווי מיר האָבן צו טון מיט שטאַרקע דיכטערישע ווערטן. ביז צו אַבסאָלוטער גילטיקייט.

עס איז דער אַנטשיידנדיקער טעות פון שטערן, ווען ער מיינט. אַז „מיט ש ל ו ם ־ ע ל י כ מ ע ן איז עפּעס געשען נ ס י ם. וואָס צוזאַמען מיט זיין מייסטערשאַפט האָט אים גאָט געשאָנקען כוחות און געדולד. זיך צו קאָנען באַגרענעצן. איינציהאַלטן די טריט און זיך נישט אַריינצולאָזן אין קיין לאַבירינטן..." אַזעלכע „נסים". מיין איך. געשען מיט י ע ד ן אמתן קינסטלער. וואָס וואַרט נישט אויף קיין נסים. נאָר שאַפט מיט די כוחות פון קינסטלערישער קאָנצענטראַציע. פון צמצום. וואָס „גאָט האָט אים געשאָנקען" נישט ווי אַ באַזונדערע צ ו ג אָ ב צו דער מייסטערשאַפט. נאָר ווי איר ערשטע און וויכטיקע פאָרויסזעצונג. עס איז נישט געמאָלט קיין „מייסטערשאַפט" אָן די דאָזיקע „כוחות" — און עס איז זיכער אויך די אויפגאַבע פון דער קריטיק. פעסטצושטעלן דעם דאָזיקן אַקסיאָם אַלעמאָל אויפסניי. כדי פּטור צו ווערן ענדלעך פון יענע קאַריקאַטורישע „מייסטערס אָן כוח". וואָס דערקוטשען די וועלט מיט זייערע אייביקע אַנטפּלעקונגען. אַז מען קאָן ג י ש ט קאָנען אויך אָן כוח...

און ווייל ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם איז נאָך ביז צום היינטיקן טאָג די גרויסטע נ א ט ו ר ־ ק ר אַ פ ט. וואָס שפּייזט אונזער ליטעראַטור. דערפאַר האָט ער געקאָנט געבן דער קריטיק דעם כוח, זי זאָל אים משיג זיין. דערפאַר האָט זי אים פאַרשטאַנען. נישט ווייל ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם איז געווען אַ „לייכטער שרייבער". נאָר ווייל ער איז געווען דער גרויסער קינסטלער. ווייל ער איז „פון גאָט באַשאָנקען געוואָרן מיט כ ו ח ו ת". דערפאַר איז ער איינגעגאַנגען אויך דער יידישער קריטיק ווי די גרויסע איבעראַשנדיקע ליכטיקייט... דאָס זעלבע איז געשען אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, ד. ה. אַלעמאָל אין דער קינסטלערישער מאָס פון דעם באַטראַכטן דיכטער. ביי לינעצקי און מענדעלע. אַש. פרוג ראָזנפעלד. בערגלסאָן, רייזען, אָפּאַטאָשו. מאַני לייב, פוקס און ווינגער א. א. וו.

און אויב דאָס איז אין מאַנכע פאַלן נישט געשען, און אויב דאָס איז, ווי ש ט ע ר ן מיינט. באַזונדערס נישט געשען מיט פ ר צ ן. אַזוי איז אין דעם, האַלט איך, נישט שולדיק די קריטיק, וואָס האָט אים נישט דערגרייכט. נאָר דער גאַנצער לעבעדיקער אָרגאַניזם פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט. ווי אַן אמתע פאָלקס־ליטעראַטור. אין שענסטן און ריינסטן זין פונם וואָרט. נישט געקאָנט פאַרדייען די אינטעליגענטישע כוח־אויסטריקענישן פון זיינע ליטעראַרישע הלוואות. די קונציק געמאַכטע פּאָעטישע סוראָגאַטן, מיט וועלכע ער האָט פאַרמוטשעט איר געזונטע נאַטירלעכקייט. און אין וועלכע דאָס פאָלק האָט נישט געוואָלט אַריינלייגן אַפילו אַ ברעקל גייסטיקע ענערגיע... די יידישע ליטעראַטור. דערפילט אין איר טיפסטן תוך פון דעם לעבעדיקן גייסט פון ש ל ו ם ־ ע ל י כ מ ע ן, וועלכער איז אמת נישט געווען איר „רבי". אָבער דערפאַר איר בויער און „פירער. האָט צוגלייך געמוזט דערפילן אין פ ר צ ס שאַפן די שפּיציקייט פון אַ ביין תלמיד־חכם, אַ נישט־פאַרגינער. וואָס פשטלט אויס אַ פסיכאָלאָגישן כפתור ופרח נאָר פאַר די דרעסירטע קרומע מוחות פון די נאָענסטע תלמידים און וואָס קאָן באַשיין. אַז דער איבעריקער עולם, דער „המון". זאָל נישט משיג זיין, נאָר זאָל זיך ווייטער, ווי שטערן זאָגט. „שליאַספּערן אין בלאָטע, בראָדזשען אין זומפּ, נישט אַרויסשטעבן אין דער הויך, נישט פאַררייסן די קעפּ" — און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען: די יידישע ליטעראַטור — און אירע געציילטע שאַפערישע רעפּרעזענטאַנטן — האָט נישט נאָכגעבאָמקעט פ ר צ ס דבקות. האָט מותר געווען אינגאַנצן אויף דער דילעטאַנטישער ליטעראַטור קדושה. אויף די „חדוה"־שירים פון

דעם מיט רעכט אַנאָנימען „אי ס״ זאָל לעבן״ און פונם „אַלטן זיי״ל, וועלכע זענען געווען ביים בעסטן וועג צו פאַרמרה־שחורהווען אויף אייביק אונזער ליכטיקע פאָלקס־שאַפונג מיט דער בעמוטשעטקייט פון זייערע אויסטראַכטעניש, מיט דעם האָפנונגסלאָזן גייסטיקן דלות פון זייערע טיפסטע רמזים און סודות, צו וועלכע ס׳איז אייגנטלעך געווען נישט מער ווי איין איינציקע עצה: מען זאָל זיי לאָזן בלייבן ביים רמז און ביים סוד — נישט מגלה זיין...

און ווען ש ט ע ר ן מאָלט פאַר אונז אויס אין אַרטיקל, ווי דעם שאַרפסטן אַרגומענט קעגן דער יידישער קריטיק, אַ בילד פון שרעק, ווי דער אָפּגעשטאַנענער ייד אין גאַס, וועלכן ער נעמט אויף דער האָצקע, ער זאָל אים למה״ש אויפן אָרט זאָגן „קורץ און שאַרף און נישט לאַנג געברייעט, ווער איז פ ר ץ״, הויבט נעבעך אָן צו היקן און צו פּאַנפּען, אַזוי און אַזוי, מיט מוראדיקער הילפלאָזיקייט, כאָטש וועגן אַנדערע יידישע שרייבער האָט ער, ווי ש ט ע ר ן שאַצט אים איבער, אַ פולן קאָפּ מיט פאַרטיקע פאָרמולן: „סאַטיריקער, הומאָריסט, באַזינגער פון שטעטל, קרעכצער פון אָרעמקייט״ א. א. וו. — אַזוי מוז איך מודה זיין, אַז איך פון מיין זייט האָב די טיפסטע סימפּאַטיע מיט דעם דאָזיקן איבערגעפאַלענעם יידן, ווייל אין זיין ערלעכער, אָפענער הילפלאָזיקייט אַקעגן פ ר צ ן ליגט יעדנפאַלס מער גייסטיקע אויפריכטיקייט, מער אינסטינקט פאַר אמתן ווערט, ווי אין דער עקסטאַטישער התפעלות פון דעם ליטעראַטור־קלויזניק, דעם חריף, וואָס ווייסט אפילו אויך נישט אויף זיכער „ווער איז פרץ״, וואָס טוט זיך אָבער פונדעסטוועגן שטענדיק אַן עצה, דרשנט אונטער, דערנאָכעט באַלד אַ זשעני, ווו ער זעט נישט דעם טאַלאַנט, חקרנט אויס מיט מוטיקער דיאַלעקטיק, אַז דאָ איז אייגנטלעך שוין „עפּעס מער״ ווי קונסט, ווייל עס איז באמת אַ סך וויניקער...

אָט די מעגלעכקייט, צו דרשנען ליטעראַטור כמין חומר, צו סימולירן גילוי שכינה מיט טעמפּע, פאַרגלייזטע אויגן, איז אַריינגעקומען אין דער ליטעראַטור אַריין צוזאַמען מיט דער אַטמאָספערע, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום פרצן, אין וועלכער עס האָבן זיך נעגומען פלאָדושען אַלערליי ראָמאַנטישע שלימזלען, פאָעטישע „בטלנים״ און ליטעראַרישע „קאַליקעס״, ישישים און גראַפאָמאַנישע זקנים, ליטעראַרישע צוצאָקעס, אַוועלכע מיט אַ סך חדוה און אָן אַ ברעקל טאַלאַנט, וועלכע האָבן גענאַשט פון פרצן שיריים פון זיין ווירטואָזן שטום־לשון, פון זיינע מיסטישע גימטריאות, וואָס באַטרעפן גאָרנישט, פון זיינע הויך־טראַגישע טעאַטער־דעקלאַמאַציעס, אין וועלכע עס קלינגט מיט די אומפּריינווילליקע פּאַראָדיע...

וואָרום די צענטראַלע פיגור פון פ ר צ ס ווערק, זיין טעאַטראַלישער אויבער־ייד ר׳ שלמה מיט דעם רבישן הערנער־שטריימל אויפן קאָפּ, וואָס ליידט פון דער וועלט און וויל זי אויסלייזן מיט אַ פאָרטל, וואָס וויל מבטל זיין גאָטס האַרטע ווירקלעכקייט פון שווערער אַרבעט, נויט און משפט מיט זיין אייגענער העכערער ווירקלעכקייט, ווו ס׳איז אייביק רו און כולו שבת, וואָס וויל בכלל אויסנאַרן דאָס מענטשלעכע לעבן פון גאָטס שטרענגן רשות מיט אַ כיטרע למדנישער המצאהלע, ווי מען נעמט אָפּ צוריק נאָך פסח די חמצדיקע קרעטשמע ביי דעם גוי, דעם כאַם, מיטן שטר מכירה — דאָס איז, מיין איך, די ערשטע פונדאַמענטאַלע פאַלשקייט, וואָס פ ר צ ס פּליעטאָניסטישער וועלט־באַנעם האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור, אַ כאַפּ, אַ „זשעניאַלער״, וואָס האָט צוליב אַ סך טעמים שטאַרק אויסגענומען ביים אינטעליגענט — דער עיקר אָבער דערפאַר, ווייל ער האָט אויף דעם דאָזיקן נייעם שבת און יום־טוב־פּלאַנעט באַקומען מיט איינמאָל אַן אוצר מיט נייע געפּליגלטע ווערטער, מיט מאָדערנע נוצלעכע פסוקים און אפאָריזמען, מיט וועלכע ער האָט זיך געקאָנט אויספּוצן זיין קבצנישע וועלט, ווי אַ סוכה מיט אָפּגעלייזטע אויסגעבלאָזענע אייער און פון וועלכע ער האָט דערנאָך געקאָנט שוין אַליין פּראָדוצירן אַ שלל מיט אייגענע „מחשבותן״, שטריכן און מזומנע מאָטאָס פאַר דעם יום־טובדיקן אַרטיקל און פאַר דער רעדע, צו וועלכער ער האָט פריער געמוזט נעבעך שלעפּן די שווערע, מיספאַרשטאַנענע פסוקים אָוש פון קהלת און שאָפּענהויער.

(סוף קומט)

זיי, די דאָזיקע אינטעליגענטישע נודניקעס און כלל-ליי-
טעראַטוערס, האָבן נאַטירלעך באַלד משיג געווען די אַלע בלוי-
ציקע פעליעטאָניסטישע איינפאַלן, וואָס פּ ר ץ האָט געהאַט פאַר
זייערע שטוועגן, און טאַקע זיי האָבן געמאַכט דעם גרויסן טומל
מיט פּרצעס „זשעניאַליטעט". וואָרום זיי, די גייסטיקע צוויקני-
הענדלער, האָבן זיך באַנוצט מיט פּ ר צ ע ס שאַפונגען נישט ווי
אוממיטלבאַרע קאָנסומענטן, פאַר זייער אייגענעם געניס וועגן,
נאָר ווי ספּעקולאַנטן, פאַר י ע נ ע מ ס וועגן—און אויף אַרויס-
צושלאָגן ליטעראַרישן ר י ו ח פאַר דער אייגענער איבערלעבונג-
אָרעמקייט האָבן זיי זיכער נישט געקאָנט געפינען אין דער
יידישער ליטעראַטור עפּעס פּאַסיקערס, ווי פּרצעס עובר-לסוחר-
דיקע גלאַנציקע גייסטיקייט. דער ל ע ז ע ר אָבער, סיי דער
פּשוטער תמימותדיקער, וואָס וויל הנאה האָבן אויף זיין שטייגער,
סיי דער גייסטיקער, וואָס זוכט אין דער ליטעראַטור די קינסט-
לערישע געשטאַלט, האָט געפילט און פאַרשטאַנען, אַז עס איז
אַ מיסברויך פון דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע, וואָס חלומט
פון שיינקייט, צו באַלאַמוטשען זי מיט דעם פאַלשן גלאַנץ פון
אויסגעסטראַיעוועטע אָטלעסענע טעאַטער-רביס, וואָס האָבן אין
זיך נישט קיין פונק לעבעדיקן גייסט, און אַז ס'איז, דער עיקר,
אַ שרייענדיקע לעסטערונג פון דער מענטשלעכער עלנטקייט,
וואָס גאַרט נאָך גליק, נאָך ליכטיקייט, נאָך לעבנס-פרייד, צו
פאַררעדן זי מיט אַזעלכע פּוסטע פּסוקים, צו וועלן... פאַר-
שיכורן מיט דער נישט-געמאַכטער הבדלה פון דעם שטרייקנ-
דיקן צדיק, צו אידענטיפיצירן די שווערע טרויעריקייט פון
דעם מענטשלעכן לעבן מיט יענער באַצאָלטער „עצבות" פון
ישישימדיקע טעאַטער-סטאַטיסטן, וואָס האָבן, זייט פּ ר צ ן, אָנ-
געשעפּטשעט אַ פולע ליטעראַטור מיט וואַריאַציעס פון דעם
אייביקן שטומען שטימונגס-מאָטיוו: „פּשש"... „מנע"... „אוי-וואַ"...
און העכסטנס נאָך: „נו—שאַ—דער רבי!.."

און אָט דעם אדמו"ר, וואָס זיין נאַטירלעכע ליטעראַרי-
שע ספערע איז און בלייבט דער משכילישער ח ו ז ק, האָט
פּ ר ץ ליידער „אַרויסגעראַטעוועט" פון דער קאַריקאַטור און
איבערגעדרייט אים מיט געוואַלט אין אַ שטיק אומפרייוויליק-
פּאַראָדיסטישער ק ד ו ש ה, כדי מיר זאָלן אויך האָבן אונזער
אייגנס אָן אויבער-ייד—פּאָעזיע, פילאָסאָפיע און שלוש-סעודות-
דיקע ל י ט ע ר אַ ט ו י ר ע — צאַראַטוסטראַ אין ספּאָדיק. און
טאַקע אים האָט ש ט ע ר ן געקרוינט מיט נאָמען „רעוואָלוציאָ-
נער", וועלכן איך האַלט שוין דערפאַר אַליין פאַר אַביסל
גוזמאַדיק, ווייל אויב ער „שמעטערט" טאַקע שוין יאָ — ווי
ש ט ע ר ן זאָגט, און „צעשטיקלט אי די פּאַרושאַווערטע, אי די
בלאַנקנדיקע ק י ט ן—" וואָלט ער שוין אין איין וועג באַדאַרפט
צערייסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויך די אייגענע „גאָלדענע
קייט" פון פּוסטער ראַמאַריק, פון הימנישן שטום-לשון, פון
קנאַקעדיקער טעאַטער-„פּראָזע", מיט וועלכער די רבישע סטאַרן
רייסן די קוליסן פון יענער פּאַפּירענער וועלט, וועלכע איז אין
אונזער ליטעראַטור פון עכטקייט געווען דער ערשטער גלוני-
גענסטער גייסטיקער פּאַלסיפיקאַט, געמאַכט מיט דער העכסטער
טעכנישער שלמות—און דאָך ווערטלאָז ביזן גרונט, אָן אַ שום
סימן פון גייסטיקער ווירקלעכקייט.

עס איז דאָ נישט דער אָרט, צו באַגרינדן מיט דער
נייטיקער אויספירלעכקייט אַ ר ע ו י ז י ע פון פּ ר צ ע ס טאַר-
נעם אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע איך האַלט פאַר אַ
—איך וואָלט כמעט געזאָגט: ה י ס ט אָ ר י ש ע ר—אויפגאַבע פון
דער מאָדערנער יידישער קריטיק. איך צווייפל נישט, אַז דאָס
וועט מן הסתם געשען פריער אָדער שפּעטער. דאָ אָבער רעדט
זיך דערווייל נאָר וועגן דעם פּונקט „י. ל. פּרץ און די יידישע
קריטיק", וואָס שטערן האָט באַטראַכט אין זיין דערמאָנטן אַר-
טיקל. און צו דעם פּונקט וויל איך באַמערקן, אַז די יידישע
קריטיק האָט זיך, לויט מיין מיינונג, נאָר דערפאַר נישט אַריינ-
געביסן אין פּ ר צ ע ס ווערק מיט לייב און זעל און נעגל און
נישט אַרויסגעגעבן דאָס, וואָס ליגט פאַרנורעט אין די אונ-
טערשטע שאַכטן, ווייל אין די דאָזיקע קונציק אויסגעבויטע
שאַכטן, וואָס זענען אָן אַ ספק איינגעאָרדנעט געוואָרן מיט דעם
ראַפינירטסטן ליטעראַרישן קאָמפּאַס, האָט געפעלט איין איינציקע
וויכטיקע זאַך, יענער שטאַרקער ו ע ר ט-מ אַ ג נ ע ט, וואָס האָט
באַדאַרפט צוציען און האַלטן פעסט די יידישע קריטיק מיט
זיין אייגענעם כוח...

פּ ר ץ האָט נישט באַ פ ר ו כ פ ע ר ט די יידישע קריטיק.
ער האָט זי אפשר געגנג באַשעפּטיקט. ער האָט זי אודאי גע-
רייצט מיט זיין שרייבערישער אימפּולסיווקייט. ער האָט איר אָן
אַ-ספק אויפגעגעבן גענוג רעטענישן, וואָס האָבן געפאָדערט,
מען זאָל זיך אַריינטראַכטן אין זיי. אָבער—און דאָס איז דער
עיקר!—ער האָט נישט סובסטאַנצירט זיינע רעטענישן מיט אַזוי-
פיל שאַפערישן ווערט, וואָס זאָל צוזאָגן, אַז עס וועט זיך
ל ו י נ ע ן „אַריינצובייסן און אַרויסצוגראָבן". און דערפאַר טאַ-
קע איז געווען דאָס בעסטע, וואָס מיר האָבן ביז איצט געקאָנט
הערן וועגן פּ ר צ ן: אַז ער איז אַ „זוכער" — אַ וואָרט, וואָס
ווערטלט טאַקע באמת נישט, ווי ש ט ע ר ן זאָגט מיט רעכט.

וואָרום דאָס וואָרט, וואָס וואָלט שוין אפשר יאָ געווערטלט,
האָט פּשוט נישט געקאָנט אויפקומען אין דער פּרעציזירטער
אויבער-ליטעראַטור-אַטמאָספערע, ווו יעדער פּרווו צוצוגיין צו
פּרצס ווערק אָן דבקות, האָט געמוזט באַטראַכט ווערן ווי אַ
שטיק אפּיקורסות און פּריצות-גדר. און ווו עס האָט טאַקע נאָר
דערפאַר געקאָנט געבוירן ווערן דער דאָזיקער כמעט שוין קאָנ-
ווענציאָנעלער פּאַראַדאָקס, אַז אויב פיגורן ביי קינסטלער מוזן
געוויינטלעך אַדורך אַלע שבעה מדורי גיהנום, כדי געריניקט
צו ווערן, הייבט פּ ר ץ אָן פון דער... „אַכטער אָפּטיילונג אין
גיהנום" און אויב אַנדערע קינסטלער פאַרברענגען יאָרן אויף
סכעמאַטיזירן, אויף צונויפצושטעלן דעם סקעלעט און נייע יאָרן
אַרויפצוציען לייב אויף דעם סקעלעט א. אז. וו., גיט זיך פּרצן
איין, איבערצוהיפּערן, ווי שטערן מיינט, אַלע צווישן און ער
הויבט באַלד אָן ביים סאַמע עיקר: „ו אָ ס א י ז - נ ש מ ה"
און ווי אַזוי מאַכט ער דאָס?

ער גייט צו גלייך „אָן דייטיקייטן, אָן אַרומגייעדיקייטן,

*) מיר האָבן שוין איינמאָל אָנגעוויזן, אַז מיר גיבן דעם אַרטיקל פון
משה גראָס אין די „ליט. בלעטער" מיט אַ שפּעטער געפּיס. מיר זייַנען אַנטשיידן
קעגן די אַלע געדאַנקען פון מ. גראָסן און נאָך מער, קעגן דעם טאָן, און דעם
סאָן חי. מ. גראָס נעמט זיך צו „רעקווירירן" פּרצן. רעד.

אָן צוזעליקייטן צום סאַמע תמצות פון די גרלות, צו דער ערשטער ריינקייט, צו דעם האַרץ פון דער שיינקייט, צו יענעם האַריזאָנטן-אַראָפּפאַל, ווו אָנהייב און סוף באַהעפטן זיך מיט די ליפּן און דערציילן זיך מעשהלעך, מעשהלעך אַזוי פיל״—אָדער ער פירט פאַר אונז אַמאָל אַרויס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״: סאַמע דינקייטן, סאַמע אויפריכטיקייטן, יענע וועלט שוין געזען געהאַטע צעווייטאַקטקייטן, מיט מלאכים שוין צו טון געהאַטע עלנדקייטן, בלויז נשמות, בלויז נשמות...״

אַט דאָס אַליין איז „נשמה״—און דאָס איז טאַקע אויך פּ ר ץ, ווי דער קריטיקער וואָלט אים באַדאַרפט באַנעמען, לויט ש ט ע ר נ ס מיינונג.

אָבער איך קאָן נישט לאָזן אונזער מחבר ביי דער אילוזיע, אַז ער האָט דאָ טאַקע באמת עפּעס מחדש געווען מיט זיין פּרוּוו צו כאַראַקטעריזירן גאָר פונסיי פּ ר צ ע ס אייגנאַרט. מיר דאַכט זיך אדרבא, אַז די דאָזיקע—גאָרנישט זאָגנדיקע — נשמה-פאָרמול, וועלכע ש ט ע ר ן גלויבט צו האָבן אַנטפּלעקט בנוגע צו פּרצן, איז שוין גענוג אָפּגעדראָשן און אָפּגעדרשנט געוואָרן אַהין און אַהער פון אַלע קריטיקער און רעצענזענטן (זי געפינט זיך אויך ביי ניגערן) און זי איז אויך שוין גענוג באַקאַנט און אויסגערופן אומעטום ווי א פאַלשער גראָשן. און אין תוך גענומען, וואָלט אפשר אויך דער אָפּגעשטעלטער ייד אין גאַס, ווען ש ט ע ר ן וואָלט אים נאָר נישט געווען גענומען אַזוי שטאַרק אויף האָפּ, מן הסתם שוין אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז פּ ר ץ איז דער „זוכער פון נשמה״—עס איז סוף כל סוף א זאַך, וואָס מ׳האָט שוין געהערט וועגן איר—ער וואָלט עס אפשר גאָרנישט געווען אַרויסגעבראַכט מיט אַזוי פיל התלהבות ווי שטערן—אָבער וועגן דער דאָזיקער התלהבות-דיפערענץ צו מאַכן א תל פון דער גאַנצער קריטיק, איז לחלוטין נישט גערעכט.

וואָרום איך האַלט, אַז מען דאַרף נאָך אייגנטלעך א טראַכט טון וועגן דעם עצם „גוף-איבערהיפּערונג״, אין וועלכער שטערן זעט פּ ר צ ע ס גרויסקייט, און וועלכע איז אפשר אין אמתן ערשט די רעכטע זינד אַקעגן דעם שאַפערישן גייסט. עס קער זיך, לויט מיין מיינונג, זייער שטאַרק אָן מיט דעם מהות פון שאַפן, צו מאַכן דעם גאַנצן חשבון, וואָרט ביי וואָרט, געדאַנק ביי געדאַנק, בילד ביי בילד, און נישט צו ברענגען פון ערגעצווי א פאַרטיקן סך הכל—דעם אויבער-ייד—פונקט אַזוי ווי אין די פאַרצייטיקע שונד-ראָמאַנען פלעגט ווי פון אַן אויטאָמאַט אַרויסשפּרינגען פאַרטיקערהייט „דער מילדער אַלפרעד״ און „דער גראַף, דער בעזעוויכט״... עס קער זיך, מיין איך, זייער שטאַרק אָן מיט דעם מהות פון דער קינסטלערישער געשטאַלט, אַז זי זאָל אויסוואַקסן פאַר אונזערע אויגן מיט דער קראַפט פון איר נ א ט ו ר, און נישט זי זאָל פּלוצים „נתגלה ווערן״—בדרך נס—און זאָל שוין טאַקע פּרעטענדירן מיט איינמאָל אויף דער העכסטער הייליקייט—נשמה-עקסטראַקט — וואָס מיר קאָנען נישט קאָנטראָלירן, וואָס מיר מוזן איר אינגאַנצן גלויבן אויפן וואָרט, אויף דער מליצה, אַז דאָס איז טאַקע נישט קיין אַנדערע, [illegible] די ריינקייט, ער, די שלימות, ער, די אוממיטלבאַרקייט, [illegible] דער אַנגעגליטער אייזן...״ א. אַז. י. אָבער פון וואַנען, פרעג איך, דרינגט זיך דאָס ש ט ע ר ן אַרויס? און מיט וואָס האָט דאָס דער דאָזיקער רבי ר׳ שלמה זוכה געווען, וואָס שטערן און אַנדערע פאַרגינען זיך אויסצוברענגען אויף אים די שענסטע, יום-טובדיקסטע ווערטער, וואָס אונזער שפּראַך פאַרמאָגט?

אוודאי מיינט שטערן, אַז אויף דעם אַלעמען קאָן מען געפינען א תירוץ. אַז אויך י ש ע י ה ה נ ב י א, למשל, האָט זיך, ווי באַקאַנט, נישט אָפּגעגעבן אין זיין שאַפן „מיט קיין קליינינקייטן, מיט שילדערן און מאָלן, נאָר איז אַרויס ראַפּטום, מיט געוואַלטיקער גבורה, דערפילט פון גאָט און פון זיין שליחות. און אַז „פּ ר צ ע ס ליניע איז אויך אור-אור-אַלט-יידיש, ת נ כ י ש, כאָטש, פאַרשטייט זיך, מיט טויזנטער פּראָצענטער ווייניקער ניי אין דער ווירקונג, ווייניקער מוראדיק אין דער איבערצייגונג.״

אָבער מען דאַרף, האַלט איך, געדענקען, אַז אפילו ווען דער דאָזיקער מאָדנער פּאַראַלעל צווישן א ל י ט ע ר אַ ט און א נ ב י א זאָל נישט זיין שוין לכתחילה אַזאַ אַבסורד ווי ער איז, זענען אָבער אויף יעדן פאַל גראָד אָט די פ ע ל נ ד י ק ע טויזנטער פּראָצענטער א נ ט ש יי ד נ ד י ק. עס איז שטענדיק בעסער א גוטער פעליעטאָניסט, איידער א שלעכטער נביא, א תנכישער דילעטאַנט. וואָרום, טאַקע זיי, די מאָדערנע ליטעראַטור-נביאים מיט די פ ע ל נ ד י ק ע טויזנטער פּראָצענטער, דערציִען דעם מענטשן צו גייסטיקע סוראָגאַטן, וואָס זענען „כמעט אַזוי ווי עכט״, צום אַנטיקווירטן טאַנדייט מיט דעם פריש-אויפגעשמירטן שימל און זשאַווער, וואָס ברענגען אין עקסטאַז די סנאָביסטישע נשמה פון דעם קולטורעלן אַלרייטניק, דעם גרעסטן געברויכער פון „פאַרצייטיקן נוסח״, וועלכער האָט שטענדיק ליב אַוועקצושטעלן אין זיין סאַלאָן דווקא דאָס יקר-המציאותדיקע פאַרשימלטע חנוכה-לעמפל פון מתתיהו כהן גדול אַליין און אָנצוטון אויף זיין גראָבן פינגער דעם פאַרזשאַווערטן אייזערנעם זיגל-רינג פון קייזער ראָדעריך, דעם גרויזאַמען...

פּ ר ץ איז געווען דער ערשטער ס ט י ל י ז א ט אָ ר אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור — אין זיין חסידות און אויך אין זיין פאָלקסטימלעכקייט—און סטיליזאַציע איז אַלעמאָל די ד ע ג ע נ ע ר י ר ט ע פאָרם פון סטיל, פון שאַפן. ער איז געווען אין זיינע בעסטע זאַכן אַן א י ב ע ר-שאַפער – און אָט די גייסטיקע אונטער-מאָס פון זיין פערזענלעכקייט איז פון מאַנכע קריטיקער על פי טעות באַטראַכט געוואָרן ווי א „העכערע מדרגה״ פון דיכטונג... ער האָט דעם יידישן קריטיקער נישט באַפרוכפּערט צום א מ ת. אדרבא: ער האָט אים געלערנט נאָכיאָגן נאָך שיינע טעותים. ער האָט אים געוויזן דעם וועג צום בלאָנדזשען און טאַקע אויף דעם דאָזיקן וועג איז געגאַנגען דער יידישער קריטיקער צום ווערק פון י. ל. פּ ר ץ...

פ א ר ל אַ ג ב. ק ל ע צ ק י ן

ערשט ערשינען

# א. ב. גאָטלאָבערס
# יידישע ווערק

ארויסגעגעבן פון א. פרידקין און ז. רייזען
צוזאַמען באַנד פון

## „א. ב. גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע״

אינהאַלט: אַריינפיר, גזרה דימשן, דאָס גרעבער-ליד, דער ערעמשער עושר, דאָס זומער-פייגעלע, דער גענאַרטער מענטש, נישט אין שול אַריין! די אסיפה, די מאַמע פון די קינדער, איש-חסיד, א זיפּק, א קלאָץ, דער סוס, דער דעקסטאָר, דאָס ליד פון קוגל, דער גלגול, נאָכגעאַמטע עקזיגן, ווערטער, זובצעטל.

— פּריז 7 גילדן —

אברהם בער גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע
לויט פאַרשידענע צייטן – א. פרידקין

— פּריז 6 גילדן —

אדרעס: „Bycher", Warszawa, Nalewki 2a.
פאַר געלט: P. K. O. 13.196